בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א


## ד"ה-שובה
### א-ג תשדי תשפ"ה

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:47 |
| מוצש"ק | 6:58 |
| ר"ת | 7:38 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:46 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:29 | סוז"ת ב' | 10:28 |

די צייטן לויט די זומער זייגער


גליון מס': ק"ג
שנה ב'


## טיב הפרשה

# ארייינלייגן די עבודה ביי די קינדער

### והנגלות לנו ולבנינו

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר אין די תורה דער פסוק 'הנסתרות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת'.

אז מען איז זיך מתבונן אין די פסוק זעט מען אז די תורה הק' רעדט ארום סיי פון די 'נסתרות' און סיי פון די 'נגלות'.

עס קען זיך אמאל דוכטן פאר א איד אז די עיקר פון די עבודה איז דער הארץ פון א איד, אז אויב ער וועט ארייינלייגן קאפ און מה אין די הארץ און עס שענקען פאר הקב"ה, וועט ער מיט דעם יוצא זיין די עבודה.

עס איז ריכטיג אז די הארץ איז א גרויסער חלק פון די עבודה און אז ווער עס לייגט אריין אין איר הארוואניע איז זוכה צו גרויסע מדריגות, אבער די תורה דארף דא אויך דער 'והנגלות'.

דער 'והנגלות' איז אונז מגלה אז נישט נאר איז וויכטיג אז מען זאל עוסק זיין אין די מעשה המצוה, נאר אויך אז די ברען וואס ברענט אין אים זאל מען ארויסזען, אז ער זאל נישט באהאלטן די חיות וואס ער האט אין א מצוה.

די תוה"ק איז דערביי מגלה די סיבה דערצו, ווייל עס איז דא דער 'לנו ולבנינו' אז דער יונגער דור זאל באקומען א דערהער, א בליק ווי אזוי עס זעט אויס א איד, אז א מצוה האט א חיות.

דער געדאנק איז דא מדוייק אין פסוק, די תורה הק' פאדערט פון א איד ער זאל זיין דער 'והנסתרות' ווייל דאס איז לה' אלקינו, אבער עס דארף אויך זיין דער 'והנגלות' ווייל דאס איז לנו ולבנינו, דאס גייט אריבער צו די קינדער.

דער געדאנק ווערט אראפגעברענגט אין אסאך ערטער, אבער מיט א קלארקייט געבט עס ארויס דער הייליגער מאור ושמש אין די וואכעדיגע פרשה, און פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער: 'הנסתרות לה' אלקינו והנגלות לנו ולבנינו', כי עיקר עבודה בתפלה ובכל מצוות מעשיות כמו: תפילין וציצית וכדומה, הוא הכוונה והעבודה שבלב, להאמין בייחודו ואחדותו ואשר לו יתברך הכח והממשלה כו'. אמנם המעשה הוא למען ללמד אחריו לעבוד את ה', כי אם היתה העבודה בלב לבד לא היה ניכר לזולתו ללמוד ממנו. וזהו שאמר 'הנסתרות [שבלב]


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה

וואס איז דער אונטערשייד צווישן א 'מלך' און א 'מושל'? מלך איז דער וואס זיין קעניגרייך ווערט אנערקענט דורך אלע בני המלוכה, און מעגליך האבן זיך אפילו אויסגעוועלט אין אים, אזוי ווי מיר זאגן ביי תפילת מעריב 'ומלכותו ברצון קיבלו עליהם', אבער מושל איז דער וועלכער געוועלטיגט מיט כח איבער זיינע אונטערטאַנען, אויך אנדעם וואס זיי זאלן באוויליגן אין אים און אנדעם וואס זיי זאלן אים אויסוועלן. אויב אזוי, דארפן מיר פארשטיין, וואס מיינען די ווערטער וואס מיר זאגן ביי די תפילות פון ראש השנה, 'ומלכותו בכל משלה', איז דאס א מלכות אדער א ממשלה?

דער ענטפער אויף די פראגע, געפינט זיך ממש אויפן זעלבן פלאץ, וויבאלד מיר זאגן דארט 'השם אלוקי ישראל מלך, ומלכותו בכל משלה', דאס הייסט אז איבער די אידן איז דער אויבערשטער דער מלך, און איבער די פעלקער פון די וועלט איז ער דער מושל, וויבאלד זיי זענען נישט אימשטאנד צו פארשטיין און אנצונעמען דעם מלוכה פונעם אויבערשטן, אזוי ווי א בהמה וואס דער פאסטוך געוועלטיגט איבער איר, איז דאס נישט וויבאלד די בהמה אנערקענט אינעם גרויסקייט און דערהויבנקייט פונעם פאסטוך, נאר וויבאלד זי האט מורא פונעם שטעקן וואס געפינט זיך אין זיין האנט דעריבער טוט זי זיך אונטערטעניגן אונטער זיין הערשאפט. אזוי איז אויך מיט די פעלקער פון די וועלט, וואס זיי זענען נישט אימשטאנד צו אנערקענען אינעם מלכות פון השם יתברך און דעריבער איז ער 'מושל' איבער זיי.

וויפיל דארפן מיר מכיר טובה זיין פארן הייליגן באשעפער, אז ער האט אונז געגעבן די געוואלדיגע זכיה צו זיין פונעם עם הנבחר, וואס ער האט אונז געגעבן די זכות אים צו ממליך זיין איבער אונז און צו מקבל זיין עול מלכותו אויף אונז, און נישט זיין ווי בהמות וועלכע האבן נישט קיין שום בחירה אין דער וואס געוועלטיגט איבער זיי, און דעריבער זאגן מיר אין דעם דאווענען פון ראש השנה דעם 'עלינו לשבח', צו דאנקען דעם אויבערשטן 'שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה', און מיר זענען זוכה צו זאגן טאג טעגליך 'ד' מֶלֶך ד' מָלָך ד' ימלוך לעולם ועד', ווייל דער קעניגרייך פונעם אויבערשטן בלייבט אויף אייביג, סיי אויב מיר וועלן אנערקענען דערין און סיי טאמער מיר וועלן חלילה נישט אנערקענען דערין, אבער די געוואלדיגע זכות צו וועלכע מיר האבן זוכה געווען איז, אז מיר קענען זיין פון די וועלכע זענען ממליך דעם אויבערשטן, איבערהויפט אום ראש השנה ווען מיר זאגן 'מלכויות', אזוי ווי עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז דעמאלטס איז דער צייט פון די "הכתרה", און אויף דעם געוואלדיגן זכות דאנקען מיר אים.

און כדי עס זאל נישט אריינגיין אין אונזער הארץ אזעלכע מחשבות פון זיך גרויסהאלטן, חס ושלום, האבן חז"ל מתקן געווען פאר אונז אז יעדן טאג ביים סוף פונעם דאווענען זאלן מיר זאגן דעם 'עלינו לשבח', און אזוי אויך ביים שמונה עשרה אום ראש השנה, כדי מיר זאלן אלעמאל געדענקען אז די גאנצע זאך וואס מיר זענען זוכה צו ממליך זיין דעם אויבערשטן איבער אונז, און צו דאווענען פאר אים, דאס אלעס איז מיט די געוואלדיגע חסד פונעם אויבערשטן, וואס ער האט אויסגעוועלט אין אונז אז מיר זאלן זיין דעם עם הנבחר, און ווען נישט אז ער האט אויסגעוועלט אין אונז וואלטן מיר געווען 'כגויי הארצות', וואס איבער זיי זאגט דער פסוק 'וּמֹשֵׁל בַּגּוֹיִם'.

(עפ"י טיב המועדים – ראש השנה)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

לה' אלקינו', 'והנגלות [במעשה] לנו ולבנינו לעשות וגו'', כדי שילמדו בנינו לעשות, עכ"ל.

ענליך צו דעם זאגט דער 'בת עין' אין פרשת יתרו, און פאלגענד זענען זיינע הייליגע ווערטער וז"ל: בחינות אלו נקראים 'הנסתרות לה' אלהינו והנגלות לנו ולבנינו', היינו שבחינה א' הוא 'לנו ולבנינו', היינו מה שנוגע למעשה בלבד בפועל ממש בנגלה. ובחינה הב' הוא בחינת נסתר, שהוא דבוק במחשבתו ולבו לה' אלהינו שהוא עליון על הכל ומשגיח בעינא פקיחא על הכל, עכ"ל.

דער געדאנק איז אויך מרומז אין די פרשה [ל, א-ב] דער פסוק זאגט 'והשבות אל לבבך' און שפעטער פירט ער אויס מיט די ווערטער ושבת עד ה' אלקיך ושמעת בקולו ככל אשר אנכי מצוך היום אתה ובניך, ווייל ער איז מגלה אז אויב א איד וועט זיך נעמען צו זיך און תשובה טון ווי אזוי עס דארף צו זיין וועט עס משפיע זיין אויף די קינדער ווייל דער לשון הפסוק איז דאך א לשון נוכח, עס זאגט אים אז אויב דער איד וועט אנקומען צו דער 'ושבת עד ה' אלקיך' און מען וועט זוכה זיין צו דער 'לשמוע בקולו', וועט עס אנקומען צו דער 'אתה ובניך'.

די זעלבע שטייט אויך שפעטער אין פסוק 'ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך', אז אויב מען וועט אויפשניידן די אייגענע הארץ וועט אויך ווערן אויפגעשניטן די הארץ פון די קינדער.

די בחינה פלעגט מיין טאטע זצ"ל אייביג זאגן. ער פלעגט אויסטייטשן די פסוק וואס מען זאגט ביי קריאת שמע 'ושננתם לבניך ודברת בם', אז א איד וואס וויל מקיים זיין דער 'ושננתם לבניך' – אז די תורה זאל אריינגיין אין די הערצער פון זיין קינד, זאל מקיים זיין דער 'ודברת בם', אז ער זאל זיך אליין מייגע זיין בתורה 'בשבתך בביתך ובלכתך בדרך', און דאן וועט ער זוכה זיין אז די תורה הק' וועט אריינגיין טיף, טיף, ביי אים און ביי זיינע קינדער.

דער טאטע פלעגט צו דערציילן אז זייענדיג א מלמד אין א תלמוד תורה איז אמאל צוגעקומען צו אים א מלמד און זיך באקלאגט אויף א געוויסער קינד אז ער איז שוואך אין תורה.

דאס קינד איז שוין געווען כמעט בר מצוה און דער טאטע זצ"ל האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס דאס קינד לערנט נישט. דער טאטע האט אפירגענומען דאס קינד און דאס קינד האט אים דערציילט אז זיין טאטע רעדט אייביג פון לערנען תורה, אבער למעשה ווען ער קומט אהיים ביינאכט זעצט ער זיך אוועק אויפ'ן קאוטש און לייענט די נייעס און אנדערע הבלי עולם הזה.

דער קינד האט דערציילט אז די זעלבע זאך איז אויך ביים דאווענען, אז דער טאטע הייסט אים קומען פרי צום דאווענען און ער קומט שפעט, אז ער הייסט אים זיין שטיל ביים דאווענען און ער אליין רעדט אן אויפהער.

דער טאטע זצ"ל האט געלאזט רופן יענעם איד און אים מעורר געווען, און דער טאטע האט עס אנגענומען און געטוישט זיין התנהגות.

אויך איך האב אמאל מקרב געווען א שוואכער בחור. רעדנדיג מיט אים איבער זיין התנהגות האט ער געהאט טענות אז אויך זיין טאטע פירט זיך אזוי, אז ער שפילט דעם אנשטעל ווי ער האלט דערביי אבער באמת איז ער נישט דערביי.

דאס איז א יסוד אין חינוך, אז מען וויל משפיע זיין אויף די קינדער, זאל מען זיכערמאכן אז די עבודה איז סיי בפנימיות אבער אויך בחיצוניות ווייל די נגלות איז לנו ולבנינו, און אזוי ארום קען מען זוכה זיין אז די קינדער זאל גיין אין די ערליכע וועגן אזוי ווי מען האט זיך געפירט ביי אונז.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו זען ערליכע אידישע דורות ביי אונז און ביי אונזערע קינדער.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# דער סוד פון זיין הצלחה

עס האט דערציילט מורינו הרב שליט"א:

איך האב זיך באקענט מיט א איד וואס איז א גרויסער מוצלח און עס גייט אים די געשעפטן, און נאכ'ן זען אז ביי אים איז דא אזא מנהג צו זיין פון די עשרה ראשונים אין שול און אויך פון די עשרה אחרונים האב איך אים געפרעגט פון וואו ער נעמט זיין גוטער פירונג.

וויסנדיג אז דאס איז נישט א זאך וואס ער האט געזען ביי זיינע עלטערן, האב איך אים געשטעלט די שאלה.

דער ענטפער וואס דער איד האט מיר געגעבן האט מיר ערשטוינט. ער האט דערציילט אז פאר לאנגע יארן טוט ער אין ריעל עסטעיט און ער האט צוגעזען מיט וואספארא ערנסטקייט די ביזנעסלייט נעמען אן א באגעגעניש אין באנק, ווי אזוי זיי שטייען אין לאנגע שורה'ס צו קענען אריינגיין פון די ערשטע אין די באנק און וועלן קומען צוגיין צען מינוט פריער צו זיין דארט באצייטנס, האט ער זיך געמאכט א חשבון אז אויב פירט מען זיך אזוי ביי א ביזנעסמאן וועלכע איז בסך הכל א בשר ודם, איז נישט מער ווי פאסיג אז ווען מען שטעלט זיך רעדן צום מלך מלכי המלכים זאל ער טון די זעלבע.

פון דאן האט ער זיך פארגענומען אז פאר'ן דאווענען וועט ער קומען אין שול אריין און זיין דארט עטליכע מינוט פריער און אוועקגיין פון די לעצטע.

"פון ווען איך האב זיך פארגענומען די קבלה טובה האט מיר די הצלחה אנגעהויבן שיינען". דערציילט דער איד.

דערציילט דער פארציילער, אז נאכ'ן הערן די געשיכטע פון מורינו שליט"א האט ער באשלאסן אז ער גייט טון די זעלבע, אויך ער וועט אנהייבן קומען פאר'ן דאווענען און אוועקגיין פון די לעצטע און זוכה זיין צו די ברכה.

"עס איז נישט אזא גרינגע זאך ווי עס הערט זיך", דערציילט דער איד.

אבער ער האט עס אנגעהאלטן מיט אלע כוחות, און אנגעהויבן זען א גרויסע הצלחה.

די הצלחה'ס זענען פילפאכיג אסאך, אבער איין מעשה וואס האט אים שטארק באנומען איז די פאלגענדע מעשה:

איין טאג האב איך געהאט א באשטימטע אפוינטמענט ביי א דאקטאר. זיך האלטנדיג צו מיין מנהג האב איך אויסגערעכענט אז איך זאל קענען דאווענען רואיג, מיט א מנין, זיין פון די ערשטע און ארויסגיין די לעצטע, אבער די מזל האט געארבעט קעגן מיר.

צו מיין מזל האט זיך די מנין געקראצט. די געוועהנליכע מתפללים זענען נישט געקומען צוגיין און אויך דער בעל תפילה האט געדאווענט אויסטערליש שטאט. עס איז געקומען צו א מצב ווען איך האב מורא געהאט אז איך גיי זיך ברעכן פון מיין קבלה.

מיט די לעצטע כוחות האב איך זיך געשטארקט אויף מיינע נסיונות, און בעטנדיג השי"ת אז עס זאל גיין גרינג האט זיך אויסגעשטעלט אז יענער טאג איז געווען ביי די מנין א בעל ברית, און זייענדיג אין א מאנטאג טאג האט עס געשפילט א ראלע.

שפעטער ביים פארן צום דאקטאר זענען אלע טרעפיק לייט'ס געווען גרין, די גאסן זענען געווען ווייניגער אנגעלייגט ווי נארמאל און עס איז זיך געפארן גרינג און געשמאק.

ענדע בין איך אנגעקומען צו דער באשטימטער ארט דריי מינוט פאר די באשטימטע צייט.

עס איז געווען א נסיון, אבער ברוך ה' אז איך האב עס דורכגעמאכט און מצליח געווען צו דאווענען ריכטיג און אויך צו זיין באצייטנס ביי די אפוינטמענט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ש.]

די פאראינטערסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

## עָלָה אֱלֹקִים בִּתְרוּעָה

ביי די דרשה פאר די תקיעות, האט הרה"ק רבי שלמה לייב לענטשנער זצוק"ל, גע'דרש'נט דעם פסוק כמין חומר.

'תרועה' – איז א לשון פון רֵעוּת, פריינדשאפט פון חברים, און 'אלקים' – ווייזט אויף מדת הדין.

"עלה אלקים" – אויב ווילט איר אז די מדת הדין זאל אוועקגיין פון אייך, איז די עצה דערצו: "בתרועה", אז עס זאל זיין פריינדשאפט און ברידערליכקייט צווישן אייך. און מיטן כח פון אהבת ישראל און אחדות צווישן אונז, ווערט איבערגעדרייט די מדת הדין צו מדת הרחמים, און עס ווערט "ה' (מדת הרחמים) בקול שופר", וואס דורכדעם וועט אנגענומען ווערן סדרי שופרותינו ברחמים וברצון, אמן.

פאלגנד וועלן מיר דערציילן איבער ענינים שבין אדם לחבירו, וואס ווי באקאנט איז ביי דעם 'אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו' (יומא פה:). – צוזאמגעקליבן פון די הערליכע שמועסן און ספרים פון מורינו הרב הצדיק שליט"א, וועלכער איז אונז אלעמאל מעורר צו אכטונג געבן שטארק אין אט די הארבע ענינים פון חלילה נישט מצער זיין א אידיש קינד, וואס דאס רירט אן אין די שכינה הקדושה (סנהדרין מו.) און מענטשן זענען אימשטאנד דאס צו האלטן פאר גרינג. צו אונזער ווייטאג טרעפט זיך צומאל אפילו צווישן גאר ערליכע אידן, החרדים לדבר ה', תלמידי חכמים וועלכע זענען מדקדק בקלה כבחמורה, און אומווילנדיג ווערן זיי געשטרויכלט אין ענינים פון מידות, און עבירות שבין אדם לחבירו.

זאל דער אויבערשטער אריינגעבן אין אונזערע הערצער אהבה ואחווה שלום ורעות, "וְיֵעָשׂוּ כֻלָּם אֲגוּדָה אֶחָת לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם". און עס זאל באנייט ווערן אויף אונז א גוט געבענטשט יאר, א יאר פון שלום, א שנת גאולה וישועה, בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

◆ ◆ ◆

## גאונות אין תיקון המידות!

הגה"צ רבי ישראל סאלאנטער זצוק"ל, שר בית המוסר, פלעגט זיך שלעפן ווייט און ברייט איבער פארשידענע שטעט, צו פארשפרייטן תורה און מוסר, און אויך איז ער געווען טעטיג אין אנדערע מצוה אנגעלעגנהייטן.

ביי איינס פון זיינע פילע נסיעות, זייענדיג אויפן באן פארנדיג צוריק צו זיין וואוינארט, האט זיך צוגעטשעפעט צו אים אן אומבאקאנטער איד, וועלכער האט ווייזט אויס געדארפט האבן א גרעסערע מאס אויפמערקזאמקייט... און געטראכט האט יענער צו זיך אז יעצט פארנדיג אויפן באן האט דער צדיק אוודאי גענוג צייט פאר אים... יעצט ווען ער האט נישט די פילע מענטשן וואס באלאגערן זיין הויז.

און אזוי האט זיך יענער 'צוגעקלעבט' צו אים דורכאויס די גאנצע צייט פונעם נסיעה, און אים נישט צורוה געלאזט, פאַרלייגנדיג פארן רב כל מיני סארטן מאדנע שאלות און פארלאנגען. דער צדיק האט ווי כדרכו בקודש אלעס אנגענומען באהבה, און כאטש ער האט עטליכע מאל פראבירט מרמז זיין פאר יענעם אז ער זאל אים לאזן אביסל מנוחה, וויבאלד ער דארף דאך דא אויך עוסק זיין אין תורה ועבודה! דער איד האט זיך אבער געמאכט ווי ער פארשטייט נישט... און אזוי האט ער זיך פשוט צוגעקלעבט צום הייליגן צדיק! ביז ער האט זיך גענומען שענדן און פארשעמען דעם הייליגן רב מיט גאר שרעקליכע בזיונות, אינדערצייט וואס דער צדיק בלייבט שטיל, אזוי ווי מען מיינט אים בכלל נישט! כאטש די ווערטער האבן געשטאכן און שטארק וויי געטון, רח"ל.

עטליכע טעג נאכן אהיימקומען, איז איין טאג יענער אנגעקומען צום רב אינדערהיים, און געבעטן אז ער וויל זען דעם צדיק.

רבי ישראל האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד ובסבר פנים יפות, ווען יענער שטעלט זיך פאַר אלס איינער וואס וויל אננעמען דעם פאסטן פון 'שו"ב' [שוחט ובודק], וואס זעט אים אויס ווי א גוטע פרנסה! דעריבער איז ער יעצט געקומען בעטן פונעם רב א 'כתב סמיכה', אז ער קען דינען אלס א שוחט אין אידישע קהילות.

דער רב האט אים גענומען פארהערן ווי דער שטייגער, און אט האט ער געזען אז ער איז כמעט ליידיג פון צו קענען די הלכות פון שחיטה... ווי עס זעט אויס, האט ער גארנישט געלערנט און גארנישט געקענט דערפון... נאר וויבאלד עס האט אים אויסגעזען א געשמאקע פרנסה, און וויסנדיג אז מען קען נישט אנגענומען ווערן צו די מלאכת השחיטה אן קיין 'הורמנא' פון א באוואוסטער רב, און אנערקענענדיג דעם געוואלדיגן ענוה און גוטהארציגקייט פונעם רב, האט ער דאס געוואלט אויסניצן און ארויסנעמען פון אים א 'כתב'.

רבי ישראל פון זיין זייט, האט אים געוואלט דערווייטערן פון זיך, אבער מיט זיין געוואלדיגע צידקות האט ער מורא געהאט טאמער וועט זיך דא אריינמישן עפעס א פנייה און נגיעה איבער דאס וואס ער האט אים דערקוטשעט אויפן וועג... דעריבער האט ער באצאלט פאר זיין איידעם, אז ער זאל אויסלערנען דעם איד אלע הלכות פון שחיטה מרישא ועד גמירא, ביז ער וועט עס גוט קענען!

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט לערנען די הלכות, האט ער זיך נאכאמאל פארהערט ביים צדיק, וועלכער האט זיך געפריידט צו זען אז ער קען אלעס גוט און גרונטליך, און האט געשריבן פאר אים א פיינע 'כתב סמיכה'!

# טיב הפנינים

### דער חיות פון א גאנץ יאר ליגט אין דעם גרויסן טאג

א גרויסער און א הייליגער טאג איז ראש השנה. די גרויסקייט פון דעם טאג קען מען פארשטיין ווען מען איז זיך מתבונן אין די קערפער פון א מענטש. דער קערפער פון א מענטש איז א צוזאמענשטעל פון א קערפער, פון גלידער, אבער דער שפיץ פון אלעס איז די קאפ, אז די קאפ איז געזונט, אפילו אז עס איז דא איין גליד וואס איז נישט אזוי געזונט, וועט דער מענטש קענען אנגיין, אבער אז די קאפ איז קראנק איז אלעס קראנק.

די זעלבע זאך איז מיט ראש השנה. דער הייליגער טאג איז דער קאפ פון די יאר. אז די קאפ איז געזונט וועט דער גאנצער מענטש זיין געזונט און וועגן דעם דארף א איד אריינלייגן קאפ און מח אז די יאר זאל זיין א געזונטער יאר, ווייל נאכ'ן קאפ גייט אלעס, אז די ראש השנה וועט זיין געזונט, וועט די יאר זיין א געזונטער און א קרעפטיגער יאר.

בדרך רמז קען מען צולייגן אז די טאג ראש השנה האט אין זיך 48 שעה כמנין 'מח'. אויך דא ליגט דער רמז אז אויב דער מח פון א מענטש וועט זיין געזונט, וועט עס נאכשלעפן נאך איר די גאנצע יאר.

עס איז צוליב דעם וואס מען האט מסדר געווען אז אנהייב יאר זאל מען עסן די סימנים וועלכע זענען מרמז אויף א גוט יאר. מען פירט זיך אז מען טונקט איין די עפל אין האניג, מען עסט כרתי אז די פיינט זאלן פארשניטן ווערן, מען מאכט א סימן ווייל מען וויל אז די יאר זאל ווערן נאכגעשלעפט נאכ'ן קאפ פון די יאר.

אזא צייט איז אויך א פאסיגע צייט אז מען זאל זיך מקבל זיין קבלות טובות פאר'ן יאר אז עס זאל זיין א גוטע השפעה אויפ'ן יאר.

מען דערציילט אז דער חידושי הרי"ם האט זיך געפירט אז ראש השנה ביינאכט נאכ'ן טיש האט ער געלערנט. דערביי האט ער אינזינען געהאט אז די לימוד פון א גאנץ יאר זאל זיין כראוי וכיאות און מיט דעם האט ער עס ממשיך געווען אויף ווייטער.

### מקבל זיין אלעס באהבה

ווי דערמאנט פירט מען זיך אז ראש השנה ביינאכט עסט מען סימנים.

איינס פון די סימנים וואס מען פירט זיך צו עסן איז איינצוטונקען עפל אין האניג. מען בעט דערביי אז עס זאל זיין א 'שנה טובה ומתוקה'.

עס קען זיין א רמז אז דיווארט 'דב"ש' איז ראשי תיבות פון די ווערטער 'די במה שיש'.

דאס קומט מרמז צו זיין אז א איד זאל זיך איינגעוואוינען מקבל צו זיין אלעס באהבה, און דאן וועט ער זוכה זיין צו שפירן די מתיקות אין אלע זיינע וועגן, ווייל אז מען לעבט אזוי, האט מען א צופרידענע און א גליקליכע לעבן.

המשך אין עמוד ד'

>>> טיב הפנינים | המשך פון עמוד ג' |

## א זיס יאר

ראש השנה ביינאכט ווען מען טונקט איין די עפל אין האניג בעט מען פון הקב"ה אז ער זאל אונז מחדש זיין א גוט יאר, אבער מען לייגט אויך צו א בקשה אז די יאר זאל זיין א זיסע יאר.

עס איז נישט גענוג אז מען בעט אויף א גוט יאר, מען בעט אויך אז מען זאל האבן א זיס יאר.

אין די עקסטערע תפילה אויף זיסקייט באהאלט זיך א דערהער. עס איז קלאר אז הקב"ה שרייבט אן פאר יעדן איינעם א גוט יאר אבער נישט אייביג איז מען זוכה צו שפירן די גוטסקייט, מיט די בקשה אויף די 'מתיקות' איז מען מדגיש אז מען זאל זוכה זיין צו שפירן די גוטסקייט, אז עס זאל זיין זיס אין מויל.

עס איז באקאנט דער מאמר הצדיקים אויפ'ן פסוק אין תהלים [פה, ח] הראנו ה' חסדך. מען גלייבט אז אלעס איז גוט אבער מען בעט אז מען זאל עס זען.

די זעלבע כוונה איז אויך דא, בעטנדיג יעדן טאג די תפילה 'ותגמלנו חסדים טובים'. אויבנאויף זעט עס אויס ווי א דאפעלטער לשון. צי איז דא חסדים וואס זענען נישט גוט? אבער מען דרוקט די כוונה, אז מען גלייבט אז עס איז גוט, אבער מען וויל עס זען און דערשפירן.

אויך דא בעט מען די זעלבע זאך. מען זאגט אז מען גלייבט אז אלעס איז גוט, אבער מען וויל שפירן די זיסקייט אזוי ווי מען שפירט די זיסע האניג אין די מויל ווען מען עסט די איינגעטיקענע עפל אין האניג.

## למענך אלקים חיים – א לעבן פון דביקות

אין די טעג האבן חז"ל צוגעלייגט א בקשה צום דאווענען.

מען בעט ביי הקב"ה אז ער זאל אונז שענקען דאס לעבן, און ווי דער לשון פון די תפילה איז "זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבנו בספר החיים – למענך אלקים חיים".

איך האב זיך מתבונן געווען, ווי אזוי קען מען בעטן הקב"ה אז ער זאל אונז שענקען נאך א יאר צום לעבן? אז מען וועט מאכן א חשבון ווי אזוי די פארלאפענער יא האט אויסגעזען וועט מען דאך זען אז מיר זענען נישט ווערד נאך א יאר, און ווער זאגט אז די קומענדיגע יאר וועלן מיר זיין בעסער?

נאר עס קען זיין אז די תשובה פאר די קשיא ליגט אין די זעלבע שטיקל.

מיר זאגן ווייטער 'למענך אלקים חיים' – אז ווער עס וויל אז א מענטש זאל לעבן איז דער רבוש"ע, און ווי עס איז דער באקאנטער מאמר חז"ל אין אבות [ד, כב] על כרחך אתה חי, און מיר בעטן אז אויך מיט דעם זאלן מיר קענען מקיים זיין דיין הייליגער רצון.

אבער אז מען בעט שוין מיט דעם לשון, בעט מען גלייך אז מען לעבט טאקע בעל כרחך אבער דאס לעבן זאל זיין 'למענך אלקים חיים' אז מען זאל קענען מקיים זיין צו לעבן פאר הקב"ה, ווי דער פסוק זאגט [דברים ד, ד] ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום.

## די בקשה'ס פון דעם טאג בלשון רבים

**אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די תפילות פון 'זכרנו לחיים', וועט מען זען אז די תפילה ווערט געזאגט בלשון רבים. מען דארף פארשטיין פארוואס טאקע איז עס געזאגט געווארן בלשון רבים.**

**עס קען זיין אז דער געדאנק וואס ליגט דערונטער איז, אז אין מערערע ערטער זענען חז"ל מאריך צו רעדן אז ביי יעדע צער וואס א איד האט איז זיך די שכינה אויך מצער מיט דעם איד און ווי עס איז דער לשון הפסוק אין תהלים [צא, טו] עמו אנכי בצרה, און ווי די גמרא זאגט אז רבי מאיר האט געזאגט אז ווען א איד איז בצער איז זיך די שכינה מצטער מיט דעם איד און ווי דער לשון הגמרא איז** (חגיגה טו, ב; סנהדרין מו, א): בשעה שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מזרועי.

און ווי דער של"ה הק' שרייבט אין מסכת שבועות [פרק נר מצוה חלק א'] אז ווען עס איז געווען דער גרויסער נאכט און מען האט זיך באוויזן פאר'ן בית יוסף און די חבריא קדישא האט מען זיי מגלה געווען פון הימל, אז אויב זיי וואלטן משיג געווען אפילו איין פראצענט פון צען טויזנט ווי גרויס עס איז דער צער השכינה, וואלטן זיי קיינמאל נישט געקענט זיין בשמחה, ווייל אזוי גרויס איז די צער השכינה.

עס קען זיין אז די בחינה ליגט מרומז אין די תפילה פון 'זכרינו לחיים', אז ווען מען בעט אויף די 'חיים' און אויף די 'חיים טובים' האט מען אויך אינזינען די צער השכינה און מען בעט דער למענך אלקים חיים.

## דרגות אין שמחה בה'

**במשך די יאר איז א מענטש זוכה צו שמחה נאך דעם וואס ער זעט די חסדים וואס הקב"ה טוט מיט אים, די ניסים ונפלאות, אבער ווען מען קוקט אריין אין מחזור און מען זעט די סדר התפילה, באגעגענט מען זיך מיט דריי ערליי דרגות פון שמחה.**

**די ערשטע דרגה איז די דרגה פון 'ובכן צדיקים יראו וישמחו', די צווייטע דרגה אזי די דרגה פון 'וישרים' און די דריטע דרגה איז דער יעלוזו.**

**די דריי זענען איינס העכער פון די אנדערע און עס געט ארויס די השגה וואס יעדער איד, ווייל ווי העכער מען איז אלץ גרעסער און אלץ העכער איז מען מרגיש די שמחה וואס עס איז דא למעלה.**

## די תקיעות שופר – א דערמאנונג צו קבלת התורה

אין כתבי האר"י הק' (סידור האריז"ל כוונת שופר ע, א) **און די זעלבע שרייבט אויך דער רש"ש אין די מוסר פאר די תקיעות אז די צייט פון תקיעות שופר איז א צייט פון תשובה, א צייט ווען מען איז זיך מתודה אויף די חטאים און מען בעט אויף זיי מחילה וסליחה וכפרה.**

**עס קען זיין אז די שייכות פון תשובה צו יענער צייט איז מכח התורה, ווי חז"ל זאגן אונז ויקרא** רבה כה, א): היכי דמי תשובה, היה רגיל לקרות דף אחד ילמוד שני דפים, וכן על דרך זה וכו'.

דער געדאנק איז אז די חיזוק אין תורה איז די גרעסטע חלק התשובה, און דאס דארף מען זיך אונטערנעמען ביי תקיעות שופר, און דאס איז אויך מרומז בנוגע די שייכות פון שופר צו קבלת התורה.

**אויך אין דער ספר הק' 'אמרי פנחס' ברענגט ער אראפ די געדאנק אז דער עיקר פון תשובה איז מרבה זיין בתורה, ווייל אן דעם הייבט זיך גארנישט אן, און די זכות דערמאנען מיר אין די טעג זאגנדיג 'אתה נגלית בענן כבודך', ווייל די תורה איז דער איד און מיט דעם טוט מען תשובה.**

◆ מוקד הזמנות ספרים ◆
של הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
קו ההזמנות של מכון טיב 0733-22-76-09
טלפון אחד והספר אצלך
ללא עלות דמי משלוח
יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com
יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173